גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת
## ראש השנה
תשפ"ב לפ"ק

נושא השבוע

# כח הרצון

הרב
**משה נחום קרויס**
עורך



## פארוואַרט

ווי באקאנט גלתה ישיבת מיר המעטירה לשנחאי, ישיבת מיר האט זיך געפונען אין שנחאי בשעת ווען די וועלט האט געפלאקערט בשעת די צווייטע וועלט מלחמה. כל מעשי תקפה וגבורתו איבער די מסירות נפש'דיגע אומשטענדן ווי אזוי די תלמידי ישיבה האבן געלערנט איז באשריבן און עטליכע ספרים און ביכער. יארן שפעטער איז א משלחת פון בני ישיבת מיר זיך ארויסגעלאזט קיין שנחאי, יעצט זייענדיג אונטער די כינעזער רעגירונג. זיי זענען געקומען דאנקן די רעגירונג על חסדה עם הישיבה אין יענע יארן ווי זיי זענען געווען די גוטע שליחים צו ראטעווען די בני הישיבה.

די כינעזער רעגירונג האט אראפגעשיקט א דיפלאמאט מיטן נאמען 'הי ייגון'. און דער מר. יגוון האט פארציילט פאר די משלחת די פאלגענדע סיפור: ווען איך בין געווען א אינגער סטודענט אין די אוניווערזיטעט אין שנחאי. האט אונזער פראפעסאר ארויפגעלייגט אויף אונז גאר שווערע אויפגאבעס. גאר אסאך היימארבעט, און קאמפליצירטע שטודיעס.

איין טאג, ווען עס איז שוין געווען קשה כוח הסבל, די שווערע אויפגאבעס איז געווען ממש אומדערטרעגליך. האבן מיר סטודענטן באשלאסן צוזאמצושטעלן א משלחת מכובדת פון די בעסטע סטודענטן, כדי מסביר צו זיין פארן הויכגעשעצטן פראפעסאר אז זיינע אויפגאבעס איז בלתי אפשרית, ממש אוממעגליך. עס פארלאנגט פון אונז גאר אסאך שעות פון אונזער פרייע צייט.

דער פראפעסאר האט זיך צוגעהערט בסבלנות און דערביי געשמייכלט. ווען די סטודענטן האבן געענדיגט זייער פארגעלייגטע טענות, האט דער פראפעסאר

ארויפגעריקט זיינע ברילן, און געטוישט זיין צורה צו א ערענסטע אנשטעל, און זיי אזוי געזאגט:

די שטאט שנחאי פארמאגט א מסורת מפוארת א שיינע היסטאריע פון השקעה און התמדה בלימודים. יארן צוריק האט זיך דא אין שטאט געפונען א אידישע ישיבה 'מיר'! די אידישע סטודענטן זענען געזעצן אין געלערנט 'אכצן' שעה א טאג, און זיי זענען גאר גאר ווייט אנגעקומען. און מיט א הויכע טאן האט זיך דער פראפעסאר געווענדן צו די גרופע סטודענטן: צו שלאפן ענק אויך בלויז זעקס שעה א נאכט אדער אפילו וויניגער? צו לערנען ענק אויך אין אזאנע אומשטענדן ווי די אידישע סטודענטן האבן געלערנט? אונטער די פחד פון פאלענדיגע באמבעס, אונטער גאר גאר שווערע היצן אן קיין אפקילונג, אוועקגעריסן פון די עלטערן וואס זענען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס (ימח שמם)? אויף רעדן זיך ענק אפ? על מה אתם מתלוננים?

דער פראפעסאר האט ממשיך געווען: בזכות די השקעה און איבערגעגעבנקייט וואס מיר פארלאנגען פון אונזער סטודענטן דא אינעם אוניווערזיטעט. ווערט די אוניווערזיטעט אין שנחאי פאררעכנט אלס איינע פון די בעסטע אוניווערזיטעטן פון די וועלט. עס גייט ארויס אזויפיל ווי דרייסיג טויזענט סטודענטן א יאר. און זיי זענען פאררעכנט אלס די בעסטע בעלי כישרון און די בעסטע מצליחים. זיי ווערן געזוכט ביי די גרעסטע פירמעס און גאווערמענטס איבעראל. ע"כ המעשה.

מפליא! שוין איבער זיבעציג יאר פאראיבער פון ווען ישיבת מיר האט זיך געפונען אין שנחאי במדבר סין. עס איז שוין נישטא קיין פיזישע זכר דארט אין כינע. אבער די רוח פון די ישיבה האט נאך אלס א רושם אויף די לאקאלע איינוואוינער.

יעצט פרעגט זיך, פון ווי האבן די תלמידי הישיבה געגומען די איבערמענטשליכע כוחות אין די שווערסטע אומשטענדן אנצוגיין און אנצוקומען אזוי ווייט? וואס איז די סוד? צו קענען מיר כהיום ווען און אלגעמיין געפונען זיך אין גוטע אומשטענדן אויך אנקומען? הלמאי, פארוואס קומען מיר נישט אן?

מיר שטייען יעצט ביים ארייננגאנג פונעם נייעם יאר ה' אלפים **ת**'הא **ש**'נת **פ**'יל **ב**'רכות **תשפ"ב**. גאר גאר אסאך איז כלל ישראל אריבער די פארגאנגענע יאר תשפ"א. סיי בכלליות און סיי בפרטיות. די שווערע צייטן וואס מיר זענען אלע אריבער דארף אונז מאכן שטערקער, שטערקער במח, און שטערקער ברצון. עס ברענגט ארויס די גלאנץ פון סוד און יסוד פון כלל ישראל. אפילו מיר זענען נתונים למכה, טוען אונז ארויסקומען נאך אסאך שטערקער ווי בעפאר. מיר געבן נישט אויף, מיר געבן נישט אונטער, מיר ווערן נאר נענטער צו הקדוש ברוך הוא. מיר כאפן זיך אן אפילו ווען מיר דארפן זיך אויף גראדע ווענט, און מיטן כח הרצון באגלייט מיט תקוה אויף בעסער און העכער וועלן מיר אנקומען גאר ווייט און שטייגן גאר הויך אין אלע הינזיכטן בעזרת השם.

יא יא, עס שרייבט זיך זייער שיין, אבער ווי אזוי?

אינעם דיזן מאמר וועלן מיר בעזרת השם אייך מגלה זיין א יסודותדיג'ע מהלך וואס ברצות השם קען עס אונז ארויסהעלפן בחיי רוח ובחיי יום יום צו דערגרייכן און עררייכן גאר גאר אסאך. ובזה החלי בעזרת אדון כל.

## די באהאלטענע כוחות

**בשעת** די לויה פון הגאון האדיר רבי מאיר שמחה מדווינסק זצ"ל בעל ה**אור שמח** ו**משך חכמה** האט דער ראגעטשאווער גאון זצ"ל אים מספיד געווען: פון ווי האט רבי מאיר שמחה נובע געווען זיין גדלות און זיינע מעלות? דער גאון האט מיניה וביה פארענפערט די קשיא: בשעה שפורצת שריפה בביתו של אדם, ווען עס פלאקערט פלוצים א פייער, און די מענטשן און זיין פארמעגן וואס אדם בהול על ממנו געפונען זיך אין א סכנה פון פארברענט צו ווערן. אנדעקן זיך ביים מענטש באהאלטענע כוחות, כחות על טבעיים, און א זריזות נפלאה, אזאנע כוחות וואס ביז היינט האט מען עס נישט געזעהן ביי דעם מענטש. אלסדונג מתוך די רצון החזק צו ראטעווען את בני ביתו אדער זיין פארמעגן פון די באלדיגע סכנה וואס הערשט, די פייער. די כח מופלא איז **נישט** קיין נייע כח וואס מ'געט מן השמים פאר א מענטש בשעת א סכנה. די כח איז געווען ביים מענטש די גאנצע צייט, נאר עס איז געווען פארשלאפן ביי אים. דער מענטש האט נישט אויסגענוצט זיינע כחות כראוי. אבער בשעת סכנה, ווערט נתגלה די אלע באהאלטענע כחות און עס איז יוצאים אל הפועל, און דער מענטש קען טון פעולות וואס איז נישט כפי כוחו הרגיל.

האט דער גאון אויסגעפירט בקול חוצב: ובכן, דאס איז די סוד פון די גדלות פון רבי מאיר שמחה. ביים אים האט שטענדיג געברענט א פייער! א פייער פון אהבת התורה, הלא כה דבריו כאש. ולכן, בכל יום ויום האט זיך ביי אים אנדעקט נייע כחות, און דערביי האט ער מוסיף געווען לגדול בתורה ולחדש חידושים נפלאים. אלסדונג מכח די 'כח אש התורה שבערה בו'.

מיר ווילן לייגן דגוש אז די מאמר די ווערטער זענען נישט דאמירן בעלמא, סתם אזוי געשריבן און געזאגט. עס איז מציאות'ן וואס איבער וועט איר קורא השער עס ערנסט נעמען, וועט איר אייך איבערציייגן אז אז עס איז א מציאות, א פאקט, אמת, ויציב, ונכון. און אויב וועט איר זיך באנוצן מיט די מושג, וועט איר גאר גאר ווייט אנקומען.

**די** מושג אז א מענטש פארמאגט באהאלטענע כוחות רעדט מען פון כוחות עצומים, כוחות וואס געפונען זיך אין אלע בעלי חיים. דער **מלבי"ם** שרייבט (בראשית ב, ז): **האדם כולל ברוחו כל כחות מעשה**

**בראשית. שכל הכוחות הנמצאות והמפוזרות בנפשות הבעלי חיים למיניהם כלולים ומקובצים בנפש האדם וכו' האדם יען שנפשו עליונה אין גבול לכל מדה ומדה ממידותיה. וכל כח מתפשט לאין תכלית.** דער **מלבי"ם** ערקלערט, אז א מענטש פארמאגט אין זיך אלע כחות מעשה בראשית, יעדע כח פון יעדע בעל חי געפונט זיך אינעם מענטש. לדוגמא, 'עז' פון א נמר, 'זריזות' פון א צבי אד"ג. נאך מער לייגט דער מלבי"ם צו, די כחות וואס געפונען זיך אינעם מענטש איז כחות אן קיין גבול און קיין ענדע, ווייל די נפש איז מעליונה פון אויבן, דעריבער זענען די כחות ענדלאז.

דער **גר"א** בספרו **אדרת אליהו** (בראשית) ערקלערט דעם מאמר אלקים פון **נעשה אדם: מפני שהאדם נברא אחרון לכל הנבראים לכן אמר הקב"ה אל כל הנבראים שיתנו חלק מתכונתם בגוף האדם, כי הגבורה המיוחס אל הארי, והמהירות אל הצבי, והקלות אל הנשר, והערמומיות אל השועל, וכן הצומחת הוא הצומח ונפש החיוני בבעל חיים, ויתאימו כולם באדם.** דער מענטש איז באשאפן געווארן די לעצטע ביום שישי נאך אלע בעלי חיים, דעריבער האט הקב"ה באפוילן אלע בעלי חיים אז זיי זאלן געבן פון זייער תכונה פארן מענטש.

ענליך שרייבט דער **גר"א**, אויפן פסוק **וירא אלקים את כל אשר עשה וגו', וכולם נכלל באדם שהוא עולם קטן וזהו את 'כל' וגו' שכל הבריות שנברא בששת ימי בראשית נכלל בו.**

עס איז ידוע פונעם **גר"א** ווי ער רעכענט עס **זיבעציג מיני כוחות** וואס געפונט זיך אין א מענטש. תן לחכם ויחכם בפירוש הגר"א על ישעי' על הפסוק **ויצא חטר מגזע ישע ונצר משרשיו יפרה** (ישעי' יא א).

**יעצט** אז מיר ווייסן שוין אז מיר מענטשעליך פארמאגן באהאלטן אין זיך אזויפיל מיני כחות, דאן הלמאי אז רובא דרובא מענטשן באנוצן זיך נישט דערמיט בחיי יום יום? אונזער פראגע איז נישט אז מיר זאלן זיין הונדערט פראצענט מיט אלע שבעים כוחות, אדער מיט אלע כוחות שבבעלי חיים, מיר פרעגן, אז יעדער פון אונז האט רצונות און שאיפות, דאן פארוואס קומען רוב מענטשן נישט אן אויסצופירן זייער שאיפה, און ערפילן זייער רצון? די כוחות פארמאגן מיר דאך, נו, וואס האלט אפ? מיר ווילן דאך?

עס ידוע אז א אדם בינוני איז זיך נישט משתמש נאר מיט א חלק קטן מכוחות נפשו, מ'באנוצט זיך נישט מער פון צווישן פינף און צען פראצענט.

בספר **מנהיגות** שרייבט דער מחבר, ער איז אליין'ס ארומגעגאנגען מאכן א שטודיע, און עס האט זיך אויסגעשטעלט דאס פאלגענדיגע: ביי קליינע קינדער, פארמאגן אזויפיל ווי **דריי און ניינציג** פראצענט א פאזיטיווע בליק אויף זיך, זיי שפירן זיך גוט מיט זיך, און זענען מצליח מיט די אויפגאבעס וואס מ'לייגט ארויף אויף זיי. אבער ווען די תלמידים פארענדיגן כיתה ח', טראסקעט די פראצענט צו **בלויז אכצן פראצענט.** נאך די ישיבה יארן איז עס נאך פוחתים והולכים. נורא ואיום.

צו מיינט איר אז די כישרונות זענען פארלוירן געווארן ערגעץ ווי אין די יארן? לא ולא. און צו מיינט איר אז מיט די יארן איז שווערער צו אנפאנגן? אינגאנצן נישט! - נאר וואס דען איז געשעהן?

החסיד המרומם רבי **זלמן בריזל** זצ"ל וואס איז נפטר געווארן בערך בגיל מאה, פלעגט זאגן: עס איז נישט משנה אויב ביז יעצט איז נישט געווען גוט. פון יעצט דארף מען זיך מתחזק זיין און אנפאנגן פון אנפאנג. אויך א ניינציג יעריגע איד קען אויף זיך מקבל זיין **מעכשיו.** עס איז קיינמאל נישט שפעט. לעולם לא מאוחר, מה שאפשר לחטוף, חוטפים!

הגאון מרן רבי יעקב אדלשטיין זצ"ל האט אמאל געזאגט אויפן פסוק **במה יזכה נער**, אויך א אדם מבוגר קען זיין א נער. אויב וויל ער אנפאנגן פונדאסניי, איז ער א 'נער'. עס איז קיינמאל נישט שפעט.

נו, אז יארן איז אויך נישט קיין אפהאלט, דאן וואס האלט אונז יא אפ?

די ערקלערונג דערויף איז א פחד. אבער אל תירא מפחד, מיר קענען דאס אויך בייקומען בעזרת הבורא.

בעפאר מיר קומען צו צום ענטפער, ניתי ספר ונחזי ווי ווייט מ'קען אנקומען מיטן כח הרצון.

## כח הרצון שבמחשבה

**רבי נחמן זצ"ל** שרייבט (ליקוטי מוהר"ן תורה קצ"ג) וז"ל: **דע שהמחשבה יש לה תוקף גדול, ואם יחזק ויגבר מחשבתו על איזה דבר שבעולם, יוכל לפעל שיהיה כך, ואפילו אם יחזק מחשבתו מאד שיהיה לו ממון, בודאי יהיה לו, וכן בכל דבר. רק שהמחשבה תהיה בבטול כל ההרגשות.** ע"כ. רבי נחמן שרייבט אז די כח המחשבה האט אזא שטארקייט, אז אויב וועט א מענטש פארשטארקערן זיין מחשבה אויף אזאך, דאס הייסט ער וועט וועלן, קען ער דורך די מחשבה און רצון מאכן עס זאל געשעהן. נישט נאר ביי רוחניות, נאר אויך ביי גשמיות, לדוגמא, אויף וויל ער ווען א עושר און ער וועט מחזק זיין מחשבה, וועט ער 'בודאי' ווערן א בעל ממון, און אזוי ביי יעדע זאך. מיט א תנאי, אז אז די מחשבה זאל זיין בבטול כל ההרגשות.

וואס איז די תנאי וואס רבי נחמן שרייבט 'בבטול כל ההרגשות'? **רב פאנגר** בFHT ערקלערט עס בטוב טעם: כידוע, רוב כוחות הגוף ווערט אנדעקט בעת מ'דארף זיך מתאמץ זיין מער ווי געווענליך. לדוגמא, בעת א סכנה, אדער לצורך א חשוב מטרה. אין די רגעים טרעפט זיך דער מענטש מיט איבערמענטשליכע כוחות וואס ער האט קיינמאל נישט געוויסט אז ער פארמאגט עס אפילו.

אזוי איז איז מיט די **מחשבה**, בשעת מ'איז זי מרכז מ'איז קאנצערטרירט, אדער מ'איז במצבי לחץ, איז דער מענטש אויסגעטון פון די גאנצע ארום, און טראכט נאר בלויז אויף איין זאך. אין די רגעים טראכט מען נישט פון די חובות וואס מ'האט אין באנק, אויף די פראבלעם אדער יענע פראבלעם, נאר מ'איז Focused אויף די

איינצעלנע מטרה. דעריבער איז די עצמת המחשבה זייער שטארק אין די מצבים.

עס איז גלייך צו א לעזע"ר שיין, וואס איז מרוכז צו איין ארט און פארמאגט כוחות אדירים (נישט ווי א שיין פון א לעקעטר וואס צושפרייט די שיין אבער האט נישט די כח פון א לעזע"ר).

**רבי נחמן** שמועסט עס אויס ברייטער ב**שיחות הר"ן** (שיחה סב): **דע שיש בבני אדם סגולות גדולות, כי יכולים לפעול על ידי מחשבתם מה שהם חושבים. כי כשהמחשבה היא כולה אחוזה ודבוקה בדבר אחד שיהיה כן, דהיינו כל הבחינות שיש במחשבה, דהיינו פנימיות וחיצוניות, ושאר הבחינות כולם עד הנקודה. וכשכולם כאחד אחוזים ודבוקים וחושבים שיהיה כן, בלי בלבול ונטייה למחשבה אחרת, על ידי זה הם פועלים שבהכרח יהיה כן, כמו שהם חושבים. וגם שהמחשבה תהיה בפרטי פרטיות לא בדרך כלל. כגון שיחשוב שאם יהיה כן, יהיה כך וכך בפרטיות**, ע"כ.

דא איז **רבי נחמן** מחדש, אז די מחשבה דארף זיין בפרטיות, מיט די דעאטלן און נישט א מחשבה 'כלליות'. מיר געפונען שוין די מושג בחז"ל ובזוהר. בחז"ל ווי יענער האט געדאפט מתפלל זיין אז זיין תבואה זאל געראטעוועט ווערן, ווי תוספות איז מבאר אז מ'דארף בעטן אוף די מין. ובזוה"ק הצלני נא מיד אחי מיד עשיו, אחי איז נישט גענוג, מ'דארף ארויסזאגן מיד עשו. דאס זעלביגע איז מיט די מחשבה.

דא זעהן מיר שוין איין סוד, אויב מ'געוואוינט זיך איין צו שולט זיין אויפן מחשבה עכ"פ בשעת תפלה אדער עטליכע מינוט א טאג, דאן קען מען בכחה ובעז"ה אנקומען גאר גאר ווייט. עס איז נישט גרינג צו טון פון אנפאנגן, ווייל די מחשבה מטבעה איז משוטט און שפרינגט פון זאך צו זאך (איבערהויפט מיט אלע שטערונגען וואס מיר נעמען זיך אליינ'ס ארום מיט)[א].

**לאמיר** גיין א שטאפל ווייטער, און דא קומען מיר צו, צו די פחדימדיג'ע ווערטער ווי מיר קענען בידים (לייען: מחשבה) חרוב מאכן די חלק המעשי, אפילו עס איז אנגעשריבן געווארן ב**ראש השנה** די **קצבה** קענען מיר אונז חלילה גורם זיין אז מיר זאלן נישט באקומען די חלק המעשי.

דער **בן איש חי** בספרו **עוד יוסף חי** שרייבט א עצה, וואס ער איז מעיד דערויף אז עס איז א עצה טובה ונפלאה, בין בענינים גשמיים ובין בעניינים הרוחניים. ער איז מוסיף: אז רוב בני אדם, וויבאלד זיי ווייסן נישט פון די עצה זענען זיי גורם א נזק לעצמם, אנדעם וואס זיי זאלן אפילו ווייסן דערפון.

לאמיר מעתיק זיין לשונו הקדוש והנעים: **כי טבע האדם להיות מתאווה טובה ועושה, ויש שהוא מחשב תמיד ומצייר בלבו אופנים והמצאות, שבהם יהיה לו סך כך וכך מעות, והוא שיקנה סחורה פלונית וישלחנה למקום פלוני ופלוני, וירוויח בה כך וכך למאה, ויחזור ויקנה בסך כך וכך וירוויח כך וכך, וגם יעסוק בעסק פלוני ופלוני וירוויח כך וכך, והוא מצייר בדעתו המצאות של רווחים, והוא הולך ושב בציורים אלו בדעתו תמיד. על כן, האדם הפיקח צריך להיזהר כשיבואו אליו מחשבות כאלה, אשר בנויים על תוהו, שידחה אותם מלבבו תכף ומיד..**

די טבע פון א מענטש אז ער וועט א מענטש טראכט פון א גוטע און געשמאקע זאך, פארט אריין בכח דמיונו גאר ווייט, לדוגמא: ער משל'ט זיך אויס במחשבה אז ער גייט טון די און די אינוועסטמענט, און ער וועט דערפון פארדינען אזויפיל און אזויפיל געלט, און מיט די געלט וועט ער קויפן יענע סחורה אדער יענע סטא"ק, און ער וועט ווייטער אינוועסטירן די נייע פראפיט'ס, און מאכן מער געלט און אזוי פארט די דמיון ווייטער און ווייטער. ווארענט דער בן איש חי, אז א קלוגע מענטש זאל זיך אפהיטן פון טראכטן די מחשבות וואס איז געבויט אויף לופט, פארוואס?

ער ערקלערט אז עס איז דא א מושג פון **עיון תפלה שלילי**, דאס הייסט אז א מענטש האלט אז וויבאלד ער האט געדאווענט בכוונה, בעיון תפלה, קומט זיך אים אז זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן. דאס הייסט, אז דער מענטש טוט במחשבתו ובדעתו אופנים בעבור השגת הטובה שהוא מבקש אותה מהקב"ה בתפלתו. ער מאכט א פלאן ווי אזוי ער גייט מרוויח זיין, און נאכדעם איז ער מתפלל אויף זיין פלאן געבויט בפרי דמיונו.

שרייבט דער בן איש חי אז מיט די אופן התפלה דערלייגט מען,

[א] **להלומדים:** בספר **עצות והדרכות** בנויות על מכתבי ממרן הסטייפלער גאון, כידוע היה בקי נפלא בתורת הנפש. כתב אודות **ריכוז המחשבה**: אחד מהדברים היותר קשים להאדם הוא ריכוז המחשבה, זאת אומרת הכוח לעמוד ולהשאר דבוק במחשבתו בענין אחד לזמן ממושך, ולא לשוטט מענין לענין הנה כל אדם זוכר מתוך נסיונו האישי שכאשר יושב ולומד או עומד בתפלה לפני קונו, איך מחשבתו ממהרת לדלוג באופן פלא, עד שבתוך רגעים ממש מסוגל האדם להקיף במחשבתו מאות מחשבות קטנות מקושורות חד לחברתה כטבעות בש־לשלת, עד שמוצא פתאום את מחשבתו רחוקה הרבה ממחשבה העיקרית שבה הי' עסוק. ו**העצה**: ראשית לידע שהתרכזות המחשבה באיזה ענין תלוי בדרגת **חוזק הרצון** וגם בגודל **חשיבות הענין בעיניו**. ולכן, טרם עסקו בתורה או בתפלה יתבונן מעט, **ויכין את עצמו בשמחת הלב**, בהעלותו במחשבתו שהשי"ת נתן כוח באדם לאור באור החיים ולהשתעשע בבינה עילאית. ושנית, על ידי עמל והרגל מסוגל האדם תוך כדי זמן מסויים לקנות כח זה, שהוא יתד ואבן פינה להצלחתו בחיים. בכל יום ויום יקבע לעצמו שעה ומקום שיכול לישב בלי שום מפריע, ויקבע בדעתו שרוצה עכשיו לדקה אחד לחשוב על ענין מסויים בלבד, כיצד יעשה? בתחלה יתחיל עבודת הרגל ריכוז המחשבה **במחשבות קלות** למשך זמן קצר של **דקה אחת**, שיצייר במחשבתו למשל **אות ש** שעל התפילין, ויעשה כן כל יום לשבוע ימים, עד שישלוט שלא יסיח לשום מחשבה אחרת. ואחר שבוע ירכז דעתו לחשוב **תוכן כוונת של ה'לשם יחוד'** קודם הנחת תפילין וכו' (עי"ש בפנים) ואם תעלה במוחו אחר רגע מחשבה אחרת (ובודאי יהי' כן) את תיכף ומיד יסלקה ויחזור לאותה המחשבה המסויימת שבה התחיל. והעיקר לעסוק בעבודה זו של ריכוז המחשבה **בקלות ולא ברגזנות**, ובכלל עבודת ריכוז המחשבה צריכה להיות בנעימות ולא במתח וכעס. **כי כח המחשב הוא כח עדיני ואינו סובל התאמצות ותקיפות.**

און דאס דערלייגן איז מגיע לו בדין ובמשפט. **כיון שהוא מצייר אופנים למעשיו, שחושב שעל ידי שיעשה כך וכך תגיע לו טובה והרווחה שהוא מתפלל בעבורה, נמצא הוא סומך להשיג טובה ע"י מעשיו.** ער איז זיך מתחכם צו טון אזוי און אזוי, כדי ער זאל משיג זיין דאס און דאס. אויב איז ער זיך סומך אויף הקב"ה, איז גענוג אז ער זאל מתפלל זיין אויף השגת הטובה וההרווחה, און הקב"ה ווייסט שוין באיזה אופן ער וועט באקומען די הרווחה און די טובה.

מיר געפונען די מושג בגמרא **סנהדרין** (כו) **אמר עולא מחשבה מועלת אפילו לדברי תורה, שנאמר** (איוב ה, יב) **מפר מחשבות ערומים.** איז **רש"י** מבאר על אתר: **מחשבה שאדם מחשב, כך וכך אעשה, כך וכך תעלה בידי, מועלת להשבית הדבר, שאין מחשבתו מתקיימת אפילו לדבר תורה, כגון האומר עד יום פלוני אסיים כך וכך מסכתות בגירסא, מועלת לדברי תורה היינו שבודאי לא יצליח.[ב]**

דער וואס פלאנירט אויס זיין פלאן פאר הקב"ה איז לקוי באמונה, ער איז כחי ועוצם ידי, ער האלט ווי מער פלאנירט אלס מער וועט ער מצליח זיין. אבער די פאקט איז להיפך, ווי מער פלאנירט אלס מער ווערט עס אויס. דער בעל דמיון מאכט זיך חרוב מיט זיין אייגענע הענט.

פרעגט דער בן איש חי: **ואם ישאלך לבך, הרי אם האיש הזה נכתב לו בראש השנה, שיהיה לו באותה השנה הצלחה כך וכך, וטובה והרווחה גדולה כך וכך, והיה לו עיון תפלה** (שלילי) **שהיה מחשב ומצייר בליבו מראשית השנה תמיד, ימים ולילות, ציורים ואופנים להשיג בהם טובה והרווחה, איך יהיו אלה המחשבות גרמא לבטל הטובה, שנפסקה לו בראש השנה? ואיך יפסיד מה שנכתב לו בפנקס למעלה?**

ער פרעגט שטארק, אויב איז פאר אים אנגעשריבן געווארן ב**ראש השנה** צו פארדינען כך וכך, ווי אזוי קענען זיינע מחשבות דאס מבטל זיין? ווי אזוי קען ער מבטל במחשבתו וואס איז אנגעשריבן געווארן למעלה אינעם פנקס?

זיין ענטפער איז פחדים'דיג: ווען ער איז זיך מצייר בדעתו זיינע הרווחות און הצלחות, אזויפיל און אזויפיל, און בעיקר, אויף וועלכע אופן עס גייט צו אים קומען, איז זיכער אז בשעת ער איז פארטיפט אין זיינע מחשבות, האט ער א גאר שטארקע הנאה, ער איז פרייייליך און אויפגעלייגט. ער שפירט ווי זיינע באנק אקאונטס איז שוין ממש בפועל אנגעפילט. **וכיון שהוא חטא במחשבה לתלות הטוב אשר התפלל עליו לפני הקב"ה בכוחו ועוצם ידו, לכן זה עונשו, שיאמרו עליו בבית דין של מעלה: חדויה מסתייה** (די לו בחדווה הזו, שבמחשבה) **ולא יבא הטוב לידו בפועל.**

**א פחד!** וויבאלד ער האט 'במחשבה' געזינדיגט, ווייל ער האט זיך אויפגעבויט א פלאן ווי אזוי ער גייט פארדינען געלט. איז דאס זיין עונש, אז די בית דין של מעלה טענה'ט, עס איז אנגעשריבן געווארן צו מאכן אזויפיל געלט די יאר, און ער זאל **הנאה** האבן פון די געלט. עס איז גענוג אז ער האט **הנאה במחשבה**, און נישט בפועל ממש. איר הערט? א פחד, עס נקצב געווארן ער זאל מאכן אפאר מיליאן טאלער די יאר. אהה א געשמאקע הנאה... אבער, אויב טוט מען פלאנירן מיט דעאטאלן ווי אזוי פונקטליך מ'זאל מאכן די געלט. דאן גייט מען טאקע הנאה האבן פון די פאר מיליאן טולער, אבער נאר **במחשבה!!!**

נו, מיר ווייסן שוין אז אויב וויל מען עפעס, מ'האט א **רצון** און מ'איז זיך מרכז **במחשבה.** (כדאי לקרוא מה שכתבנו במאמר הלז ב'להלומדים' כיצד לרכז) און מיר ווייסן שוין אויך אז מ'דארף פאר הקב"ה נישט געבן קיין עצות קיין פלענער ווי אזוי מ'זאל מאכן די געלט. און נישט נאר געלט, נאר יעדע זאך בחיי רוח, מ'וויל שטייגן בתורה, בעבודה, בגמילות חסדים וכדו'. אויב איז די רצון און די מחשבה אזוי שטארק, דאן הלמאי מיר קומען נישט אן דערצו?

## השפעת הסביבה

**דער** בריסקער רב זצ"ל האט געזאגט בחריפות: אויב וויל מען מכיר זיין א מענטש וואס ער איז באמת, קען מען נאר ביז דער איז בן חודש ימים. מכאן ואילך, אין במעשיו כדי להעיד על עצמותו, ווייל ער ווערט נשפע פון די סביבה.

מיר האבן שוין מאריך געווען במאמר 'חיקוי' איבער נאכמאכן אנדערע, און נישט טראכטן אליינ'ס. עס איז א טבע החקוק ביסוד נפשו של אדם.

כלפי מה דברים אמורים. מענטשן ווילן זיין אנגענומען ביי די ארומיגע. מ'לעבט די גאנצע לעבן, צו געפעלן אזוי צו אזי ביי די

---

[ב] **להלומדים:** המגיד שיעור המפורס הגאון רבי **מנשה ישראל רייזמאן** שליט"א אמר פעם בשם הגאון הגדול רבי **נסים מאיר קרליץ** זצ"ל: דצריך להבין וכי מה חטא שחישב מתחילה ללמוד כך וכך, שילחמו איתו משמים שלא יצליח, מה טעם יש בזה? והיה רבי נסים מבאר בזה: שאם אדם מחשב שהוא ילמד כך וכך עד יום פלוני, הרי הוא כמי שמסתכל על העולם שכל הזמן שלו, והוא עושה תכניות לפי הזמן, ולכן לא יצליח. כי צריך האדם לדעת שלא מה שהוא רוצה הוא עושה, אלא מה שיתן ה' יוכל לעשות, כשיודע שהכל מאיתו ית', כשיקבל חצי שעה פה וחצי שעה שם, יתפוס וילמד מה שיוכל, כי הוא יודע שאין עתיו ורגעיו בידו, וכל מה שיוכל, יתפוס ללמוד. אך מאידך גיסא כשנדמה לו שהזמן ביד שלו, ועושה תכניות עד יום פלוני אשנה כך וכך בגירסה, איש כזה הרי לא יתפוס ללמוד כשיש לו איזה חצי שעה פנוי. וכך לא יוכל לגדול בתורה. כי בכל יום הוא צריך ללמוד את ג' דפי גמרא 'שלו', אם כבר למד אותם היום, ונתפנה לו חצי שעה, לא יזדרז ללמוד עוד תורה. וזהו הפגם שעשה סדר ולוח קבוע מדי יום ביומו, ומסמן V בכל יום, ועי"ז הוא מרגיש שהוא כבר מסודר ומסופק, ושוב אין לו עול להתמיד בתוה"ק בכל רגע פנוי, ולכן לא יצליח. כי באמת אין הזמן בידו של אדם, ואינו יכול לדעת מה יהיה בעוד חודש, האי עלמא כבי הילולא דמיא, חטוף ואכול, וכל מה שיכול ללמוד יעסוק עוד ועוד בתורה, אם סיים את הכמות שסידר ליום הזה, ילמד עוד ועוד, כי אינו יודע אם מחר יוכל ללמוד את הסדר שסידר לעצמו. אין עתותיו בידו כלל. ולכן פרש"י מחשבה מועלת אפילו לדבר תורה, שלא תתקיים מחשבתו, כי אין הזמן שלו כמו שאתה רוצה, אלא כמו שה' רוצה. שב ותלמד כמה שה' נותן לך, כי השעות לא ניתנו בידיים שלך. הן אמת שאדם צריך להיות מסודר, ולסדר לעצמו סדר הלימוד, אבל המחשבה והתכנית שקובע לעצמו, טוב מאד, אלא שיש להוסיף לו, שזה אחד מעשרות התכניות שהקב"ה יכול לסדר לו.

ארומיגע. מ'כאפט נישט, אבער מ'האט נישט קיין אייגענע רצונות, אלסדונג איז געבויט אויף די ארומיגע. מ'וויל נאר אזאנע רצונות וואס זאל אריינשטומען מיט די ארומיגע. **אין רצונו של הבורא יתברך אלא שיפעל לפי כוחותיו אלה ויגיע בזה לשלימותו.** ווי עס שטייט אין **מדרש** (שמות רבה כט, א) **אילו כתוב קול ה' בכחו לא הי' העולם יכול לעמוד, אל אלא קול ה' בכח, בכח של כל אחד ואחד.** הבחורים לפי כחן והזקנים לפי כחן והקטנים לפי כחן.

די נושא איז טיף און ברייט און מיר וועלן בעזר הבורא שרייבן א מאמר בפני עצמו. לאמיר נאר מסכם זיין, בכדי מ'זאל קענען ארויסנעמען עפעס במעש פונעם מאמר, און טוישן אונזער\ אייער לעבן בעז"ה.

## עפילאג:

**רצון.** שמעתי מאאמו"ר שליט"א, וואס האט נאכגעזאגט יבלחט"א בשם זיין טאטן, זקיני הגאון המקובל בעל **שפתי חן זצ"ל**. כידוע מהבעש"ט אז **אין טעם ברצון.** די ביאור דערויף איז, מ'פרעגט א קינד פארוואס טוסטו אזוי? ווען דאס קינד ענטפערן, 'ווייל אזוי וויל איך', עס האט נישט קיין טעם, קיין הסבר, קיין פשט. אין 'טעם' ברצון, ווייל אזוי וויל איך! רצון קומט נאך בעפאר מחשבה, רצון איז כתר. זעה מאור עינים בליקוטים עמ' תשע"ג.בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מילתא אלא במזלא, במזל א', דאס איז רצון. - א מענטש דארף האבן קודם א רצון, א רצון צו לערנען, א רצון צו דאוונען, און אפילו בגשם, א רצון צו וועלן מאכן געלט. אויב האט מען א רצון פון מנוחה, וועט עס גובר זיין אויף די רצון פון מאכן געלט. כפי ששמעתי מהגה"צ המשפיע הגר"פ בונקער שליט"א. אויב איינער האט א רצון צו מאכן געלט היינט, קען ער, ער קען גיין רויבן א באנק. אבער דערקעגן האט ער א רצון פון נישט גיין אין תפיסה, איז די רצון גובר. - דאס אז מ'רעכענט זיך צופיל מיט די סביבה, האלט עס אפ פון רצונות.

**מחשבה**, נאכדעם וואס מ'האט שוין די רצון, דארף מען זיך מרכז זיין במחשבה און מתפלל זיין קלאר בפרטיות וואס מ'וויל ערדייכן. דא דארף מען אכט געבן, אז מ'זאל נישט פלאנירן פאר הקב"ה ווי אזוי, נאר מ'זאל בעטן קלאר. אבינו שבשמים, כ'וויל האבן א רצון צו לערנען איעדן טאג, כ'וויל לערנען דיין הייליגע תורה, העלף מיר איך זאל קענען בייקומען די טירדות. און דאס זעלביגע מיט פרנסה. בעהט קלאר, אבער נישט מיט דיין פלאן אז מיין פלאן פון א, ב, ג זאל געשעהן כך וכך. נאר כ'זאל מצליח זיין מיט מיין עסק, און די געלט זאל האבן הצלחה וכדו'.

**רצונינו לעשות רצוניך, יהי 'רצון' מלפניך. לעשות 'רצונך' אלקי חפצתי. רבונו של עולם, שטייענדיג ביי תחל שנה וברכותיה ביי די שוועל פון א נייע יאר, בעטן מיר דיר, מיר ווילן טון דיין רצון, העלף אונז ווילן דיין ווילן. אהה לעשות רצונך אלקי חפצתי.**

**ובהאי שעתא, טאטע, כלל ישראל האט געהאט זייער א שווערע יאר תשפ"א, בכלליות ובפרטיות. מיר ווייסן אז בכל צרתם לו צר, און מיר ווילן נישט הקב"ה אז די שכינה זאל זיין בצער. מיר בעטן און מיר ווילן אז יאר תשפ"ב זאל זיין א גליקליך יאר, א געבענטש יאר, א יאר פון גאולה, א יאר פון ברכה, א יאר פון געזונט, א יאר פון פרנסה, א יאר פון מלא בתורה ויראת שמים, א יאר פון אלסדונג גוט'ס, אמן כן 'יהי רצון'!**

שערי מדע

עניני חכמה ומדע על פי חז"ל

## מכון שערי מדע

**הרב משה נחום קרויס**
**עורך ראשי**

■ ■ ■

להערות והארות און אזוי אויך
פאר סיי וועלכע אינפארמאציע
אדער צו ערהאלטן אונזער
וועכנטליכע גליון דורך אימעיל
**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**
Moshe@dermentch.com
**אדער פעקסט צו:**
718.228.4311

■ ■ ■

כל הזכויות שמורות
© Copyright '15 by:
**Mechon Sharei Mada**
No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.

■ ■ ■

**Graphics done by:**
Gedank Productions
you brainstorm... we'll perform!
718.218.4583
Jobs@GedankProductions.com

**Weekly Page Layout by:**
מערכת להתענג
Lehisaneg@gmail.com